דעם 10טן דעצעמבער 1967

ליבער כאַסקל,

הײַנט איז פאַר מיר א "רויטער אות טאָג" (!) ניט נאר האב איך באקומען פון דיר דעם צווייטן בריוו נאר פון דײַן קוזינע איז אפילו אנגעקומען א בריוועלע מיט א טשעקעלע אויף הונדערט דאלאר. אויב איך בין זיך ניט טועה, איז דאס דער ערשטער בריוו וואס איך האב איך מײַן לעבן דערהאלטן פון איר. ווי זאגט מען: אז מע לעבט, דער-לעבט מען. איך שיק דיר אפ צוריק א פארעלטערטן בריוו פון א פיר חדשים צוריק. איך קען ניט פארשטיין פאר וואס דו האסט אים ניט בא-קומען. איך האף נאר אז מײַן לעצטער בריוו מיט אלע געשמאקע זאכן אינעווייניק האט אויך ניט געהאט אזא מוראדיקן גורל.

נעכטן האבן שלמה אלפֿי און איך צוזאמענגעשטעלט דעם 10-11טן נומער יוגנטרוף. פולע פערציק (40!) זײַטן פארנעמט ער, און נאך ווי אזוי! הער נאר דעם אינהאלט:

דער צענטער נומער (א וויצלדיקער לײַטאַרטיקל פון ד-ה ר) ז' 3
באגריסונגען פון ראַזשאַנסקי, ביקל, וואלפע און ראוויטש ז' 4
אלה אזכרה (א נאַיִווע ארבעט פון יודזשינען וועגן די אומ-
געקומענע סאָוועטיש-ייִדישע שרײַבערס) ז' 5
לידער פון די פארשניטענע שרײַבערס ז' 6
חורבן-געשטאלטן ביי ה. לייוויק (בלויז דער 2טער טייל) ז' 7
רבקה ראַכמאַנס צייכענונגען צו <u>די חתונה אין פערנוואלד</u> זז' 9, 11
יצחק ניבארסקי/ צוויי לידער ז' 14
יצחק רודאַשעווסקי/ טאגבוך פון ווילנער געטא ז' 15
אינטערוויו מיט רודאשעווסקי שוועסטערקינד ז' 21
יהודה הירשפעלד/ לידער פון "בכחול" (העברעיִש-ייִדיש) ז' 24
יחיאל שיינטוך/ פראנץ ראזענצווייג - טעאלאג און דערציִער ז' 26
(א שווערע אבער גאר אינטערעסאנטע ארבעט)
כאַסקל/ הזורעים בדמעה ברינה יקצורו (אויך מיר א טיטל) ז' 32
[illegible] הערציִלט (דווקא א געלונגענע ארבעט) ז' 33
בן-שמואל (שיינטוכס פסעוודאַנים)/ צוויי לידער ז' 34
אין דער באוועגונג (אויך מיר א באוועגונג) ז' 37
אונדזערע בײַשטײַערערס (עה) ז' 38
א בלאנק פאר צוקונפטדיקע אבאנענטן ז' 39
אינהאלט אויף ענגליש און שפאניש ז' 40

אין די קארעקטורן זענען ארײַנגעפאלן מיליאנען (ווי זאָגט מען - א בפֿירושע גוזמא) גרײַזן ווײַל די זעצערס זענען ניט געווען צוגעוווינט צום מאדערנעם אויסלייג (אויך מיר אן אויסלייג). אבער מילא, וועט מען מאכן דרײַ קארעקטורן אנשטאט צוויי.

מיר קומט א מזל-טובֿ. איך האב זיך אפגעשארן די באָרד. איך פיל זיך ממש ווי א נײַער מענטש, און זעען זע איך אויס ווי א קליין קינד. איך האב זיך ארומגעשפילט מיטן געדאנק כמעט א חודש צײַט אבער נאך דעם ווי א מיידל האט אנגערופן מײַן באָרד "א מיאוסער וווּקס פון האָר" האב איך באשלאסן דורכצופירן מײַן געוואָגטן באשלוס. און כדי דו זאלסט בעסער פארשטיין מײַן מאָטיוואציע, דארף איך צוגעבן אז אט דאס מיידל איז מיר בעסער געפעלן געווארן ווי מײַן געלע באָרד. האב איך טאקע אויסגעקליבן - אדער-אדער. איך ווייס אבער ניט צי דאס איז א גאַראַנטיע אז דאס מיידל וועט זיך אין מיר פארליבן.

איך לייען איצטער + לייב ראכמאנס ערשטע בוך <u>אין דײַן בלוט זאלסטו לעבן</u>. באמת אן אייגנאַרטיקער סטיל. קיינער האט נאך ניט באשריבן דעם חורבן ווי ער. ער באשרײַבט ווי ער ליגט אויסבאהאלטן מיט זײַן ווײַב הינטער א וואנט אין א פויעריש דערפל. ווי מוראדיק עס קלינגען די שמועסן אויף דער צווייטער זײַט וואנט. ווי די פויערים דערציילן וועגן אויסרויבן ייִדישע הײַזער. און א דינע וואנט צעטיילט די פֿאַרפֿאַלקטע און די פֿאַרפֿאַלגערס. פיאַטער האָוויטש איז א ייִדישער ייִד וועלכער וווינט אין פאריז. ער קען סוצקעווערס לידער אויף אויסנווייניק. אזוי דערציילט ראכמאן. כ'האב געענדיקט לייענען

משה קולבאקס זעלמעניאנער. דאס איינציקע סאטירישע ווערק אויף יידיש געשריבן פון א סאוועטישן יידישן שרייבער וועגן דער רעוואלוציע. ער שרייבט מיט הומאר, נאר מיט א הומאר וואס שטייט פון דער ווײַטנס. מע פילט אבער די אומרוזקייט און דעם טראגיזם פון זיינע העלדן. און א מאל רייסט זיך ארויס זיין פאעטישע נאטור, ווי למשל אינעם טייל ווי ער באשרייבט ווי עלעקטרע איז איינגעפירט געווארן אינעם רעבזע-הויף. די אלטע יידן קענען זיך ניט צוגעווינען צו די נייע שאטנס וואס די עלעקטרע וואפט אויף דער וואנט, עפעס צו סטעריל, ניט די היימישע טונקל-קייט פון א מאל. באמת א וווּנדער שיינע באשרייבונג. עס האט ניט אין זיך שלום-עליכעמס אוניווערסאליזם, אפשר דערפאר ווייל ס'איז צו "סא-וועטיש" אדער אפשר דערפאר וואס קולבאק האט געהאט א מער באגרענעצטן ציל.

מיין טאטע איז באזארגט אז דו האסט פארלאזט דיין מאטעמאטיק און ביסט אוועק אין די צעלודד אומזיכערע ליטערארישע דרכים ווי זיין באליבטער זון. אגב, מיין קוזין דוד מעלווין לערנט דא ענגלישע און פראנצייזישע ליטעראטור. ער פילט א מין ליבע-האס באציונג צו די ליטעראטורן. וואס מער ער פארטיפט זיך אין זיי, אלץ מער דערשפירט ער זייער גוישקייט. אבער אפרייסן זיך פון ~~דעם~~ זיי קען ער ניט. דאס איז זיין ליידנשאפט.

כ'האב ערשט איצט אנגעהויבן צו פילן דעם באטייט פון מאנגערס ליד "כ'האב זיך יארן געוואלגערט"

כ'האב זיך יארן געוואלגערט אין דער פרעמד,
איצט פאר איך זיך וואלגערן אין דער היים.

דו האסט מיר דאס לעצטע מאל ציטירט א ווייטערדיקע שורה. איך בין נאך פארבליבן ביי די ערשטע צוויי. אין ישראל האב איך איינגעזען אז די גוישע געזעלשאפט פעלט מיר ניט אויס. אין אמעריקע האב איך טיי ווי נאר געהאט צו טאן מיט יידן. און דא האב איך געפונען די אמתע יידישע אינטעליגענץ. נאר איך בין געבליבן א פרעמדער. איך הייב אן פילן אז איך בין אן אנאכראניזם (אזא חשד האב איך תמיד געהאט). דאכט זיך, איך וואלט זיך בעסער ארייגעפאסט אין דער געזעלשאפט פון פאר-מלחמהדיקן פוילן אידער אין דער געזעלשאפט פון אנגלא-סאקסישער אמעריקע אדער גאר פון אין ארויסגעלייזטן ישראל (ישאל השלמה). אין ביידע בין איך א פרעמדער געוויקס און ביַיטן מיין פעל ווילט זיך מיר עפעס ניט. איך פארשטיי אז מען מוז, אבער ניט אלץ וואס א מענטש טוט מוז פאלגן די לאגיק. און נאך אלעמען איז די ענגלישע קולטור מיר פארט נענטער ווי די אראבישע אדער אפילו די ספרדיש-יידישע. זאלסט ניט מיינען אז איך האב חלילה רחמנות אויף זיך. איך פרוּוו נאר פארשטיין מיין אייגן רע-אקציע. אבער דאך ווילט זיך א מאל זיין ווי אלע. אויך קענען אנטייל-נעמען אין יענעמס שפאס. מער ווי אין וועלכן עס איז לאנד, ~~דבב~~ פילט מען אין ישראל דעם דראנג זיך ארייננצולעבן וואס גיכער. אבער אזוי ווי איך בין אהער געקומען ניט ווי א פליט פון די לאגערן נאר ווי א מיטל-קלאס אמעריקאנער טוריסט, איז מיר לייכטער צו ארומשפילן איידער אן אמתן באשלוס. ניט אזוי לייכט בײַט זיך דער מענטש, אדער צום ווייניקסטנס, דער מענטש וואס רופט זיך אזוי פרעטענציעז "דוד-הירש ראסקעס".

גענוג געפלאפלט. די לידער דיינע דארפסט שיקן יודזשינען, ניט מיר. דער צוועלפטער נומער קומט ארויס אין ניו-יארק אין עטלעכע חדשים ארום. דאכט זיך אז ער וועט זיין א מענדעלע-נומער.

וואס איז געווארן מיט דער "גאלמאן-פונדאציע פאר יידישער קולטור"?

„חבֿרשאַפֿט"

ראסקעס
ד